# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

שופטים
תשפ"ב לפ"ק
גליון רל"ה

## פראגע

### וואס איז דער אפטייטש פון "גיהנם"? און ווי וויכטיג איז עס אין אידישקייט?

## ענטפער:

**קודם** כל, גיהנם איז באמת צוויי ווערטער: **"גי הינם"** – די טאל פון הינם. הינטער'ן בית המקדש אין ירושלים איז געווען א טאל, וואס אין דעם טאל פלעגט מען פארברענען טמא'נע זאכן. און במילא פלעגט דארט אייביג ברענען א פייער. וועגן דעם ווערט די נאמען פון דעם טאל גענוצט אלס א משל, אלס א נאמען, פאר א צווייטע פלאץ וואס מען קען נישט זען, דאס איז אין די קומענדיגע וועלט; אויף יענער וועלט איז דא **די עכטע גיהנם.**

גינהם איז איינס פון די יסודות – נישט נאר פון אידישקייט – נאר פון די מענטשהייט. די גאנצע מענטשהייט האט אמאל געגלייבט אין גיהנם, אפילו נישט-אידן, און דאס איז געווען איינס פון די זיילן פון ערליכקייט. זייער אסאך מענטשן האבן מורא געהאט צו טון שלעכטע זאכן, צוליב וואס עס וועט פאסירן צו זיי נאכן שטארבן. השארת הנפש איז איינס פון די וויכטיגסטע יסודות פון געזעלשאפט און עס איז די גרעסטע טראגעדיע אז מען האט עס אויפגעהערט צו לערנען אין די גוי'אישע שולעס און מען רעדט שוין נישט דערפון ביי זיי.

עס איז געווען א צייט, ווען איך בין געווען א אינגל, ווען אפילו די גוי'אישע צייטונגען פלעגן רעדן פון יענע וועלט. עס איז אמאל באטראכט געווארן ווי א פשוט'ע זאך אז עס איז דא א יענע וועלט; און איך האב מורא אז היינט צו טאגס זענען דא אפילו אזוי-גערופענע ארטאדאקסישע אידן וואס האבן נישט קיין אנונג וועגן יענער וועלט. וועגן דעם איז וויכטיג דאס אריינצוברענגען אין אונזער וואקאבולאר, אין אונזערע מחשבות – **עס איז דא א גיהנם!** און גיהנם איז איינס פון די וויכטיגסטע כוחות פאר ערליכקייט.

יעצט, גיהנם איז א פארברייטונג צו גן עדן. כדי צו קענען הנאה האבן פון די גליקליכקייט פון עולם הבא, דארף די נשמה ערשט ווערן אויסגערייניגט און די פלעקן דארפן ווערן אראפגענומען. יעצט, די פלעקן וואלטן אסאך מאל געקענט אראפגענומען ווערן דורך תשובה אויף דער וועלט; עס איז גרינגער בשעת מען לעבט נאך אראפצונעמען די פלעקן דורך תשובה, דורכ'ן טוישן אונזערע וועגן און אונזערע השקפות און די געדאנקען וואס מיר האבן. מענטשן האבן פאלשע השקפות, אומריכטיגע געדאנקענגאנגען, וואס וואלט געקענט געטוישט ווערן אויף דער וועלט. אבער טאמער זיי טוישן עס נישט און זיי גייען אריבער צו יענע וועלט מיט די פעלערן אויף זייער נשמה, דארפן זיי אריבערגיין גיהנם.

יעצט, עס זענען דא צוויי סארטן פון גיהנם. איין גיהנם איז וואס גרייט צו די נשמה צו גן עדן, און **"משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש"**. נאך 12 חדשים – פאר געוויסע איז עס ווייניגער – זענען זיי גרייט אריינצוגיין אין עולם הבא.

אבער איר דארפט וויסן אז זיי גייען דורך א **ג-י-ה-נ-ם!** גארנישט אויף דער וועלט איז אזוי שרעקליך ווי גיהנם. איך רעד יעצט וועגן די צייטווייליגע גיהנם; אבער אפילו יענץ, איז מער יסורים, מער פלאג, מער צער ווי אלע יסורים וואס מען קען זיך נאר אויס'משל'ען אויף דער וועלט. אבער עס איז בלויז א צייטווייליגע דורכגאנג און עס שטעלט צו א בענעפיט. ווייל נאכדעם וואס די נשמה איז שוין אויסגעוואשן איז זי גרייט אריינצוגיין אין עולם הבא און הנאה האבן פון די אויסטערלישע תענוגים וואס זי האט פארדינט דורך אלע מצוות וואס זי האט געטון.

עס איז אבער דא אויך אן אנדערע גיהנם. און דאס איז וואס דער רמב"ם אין הלכות תשובה רופט **"הנקמה הגדולה"** – די גרויסע נקמה. דאס איז דער גיהנם פאר די עכטע רשעים. דארטן טרעפט מען למשל די גרינדער פון די גרויסע רעליגיעס – איך וויל נישט דערמאנען זייערע נעמען. דארט טרעפט מען היטלער ימ"ש צוזאמען מיט מוכאמעד; אודאי וויל איך נישט פארשעמען מוכאמעד און זאגן אז ער איז אין די זעלבע אפטיילונג ווי היטלער, אבער יעדער איינער בראט זיך דארט געשמאק אפ. עס איז נישט קיין שום פראגע דערין. און זיי בראטן זיך דארט אויף אייביג. ווייל מוכאמעד האט אויסגעגאסן

זיין שנאה קעגן די אידן אינעם קוראן, און פאר לאנגע דורות האבן אידן געליטן פון יעדע סארט ליידן צוליב דעם קוראן. אזוי אויך די קריסטליכע בייבל; אידן זענען געמארדעט געווארן צוליב דעם וואס עס שטייט דארט. אבער היטלער איז ביים קלימאקס, ער באקומט דארט א גאר ספעציעלע באהאנדלונג.

און מיר דארפן אויך פארשטיין אז עס איז דא א דירעקטע ליניע דורך וואס די צדיקים אין גן עדן זיצן און קוקן זיך צו צו די עונשים און יסורים וואס די רשעים באקומען אין גיהנם. און דאס איז א חלק פון זייער שמחה אין עולם הבא. אין עולם הבא זיצן די צדיקים און זיי האבן הנאה פון די געוואלדיגע תענוגים פון זען די שכינה, אבער די שמחה ווערט נאך פארשטערקערט דורכ'ן פאקט אז זיי זעען אויך די יסורי גיהנם וואס די רשעים גייען יעצט דורך.

במילא איז גיהנם איינס פון די פונדאמענטאלע יסודות און אן גיהנם איז אוממעגליך צו האבן א געזעלשאפט. ציוויליזאציע קען נישט עקזיסטירן אן גיהנם. ווייל יעדער קרימינאל קען טון וואס ער וויל, און ווען יוסטיץ כאפט אים קען ער זיך ארויסדרייען דורכ'ן טויט. לאמיר זאגן אין די גוטע אלטע צייטן ווען זיי פלעגן נאך נוצן דעם עלעקטריק-בענקל, איז בעפאר מען טראגט אים צום עלעקטריק-בענקל, קען איינער פון זיינע חברים אריינשמוגלען צו אים א שמעקעדיגע סם-פיל, און עס שיקט אים גרינג אפ צו יענער וועלט און ער דרייט זיך ארויס פון א שטראף – ער דארף נישט מורא האבן פון גארנישט. אזוי קען דער קרימינאל טראכטן.

דערפאר שטייט אין פרקי אבות **"אל תאמר שהשאול בית מנוס לך"** – מיין נישט אז דער קבר איז אן אנטלויף-פלאץ פאר דיר. די פאן הייבט זיך אן נאכן שטארבן! און אט דער גרויסער טעראר פון גיהנם האלט אין די ראמען אסאך רשעים; עס באגרעניצט זייער רשעות.

און וועגן דעם איז אוממעגליך צו האבן א מענטשהייט, עס איז אוממעגליך צו האבן א ציוויליזאציע, אן גיהנם. ווייל פארוואס זאל נישט א סייענטיסט - וועלכער איז געשטראנדעט אויף א פוסטן אינזל צוזאמען מיט אן אלטן מענטש וואס האט א קאסטן מיט דיאמאנטן – הרג'ענען דעם אלטן מענטש און אוועקנעמען זיינע דיאמאנטן?! פארוואס נישט?! איז דא א סיי-וועלכע זאך אין סייענס וואס זאגט אז מען טאר עס נישט טון? גארנישט אין סייענס זאגט נישט אז מען טאר נישט הרג'ענען. ספעציעל ווען ער טראכט נאך אז דער אלטער מענטש איז אמאל געווען א פראש, און דורך א צופאל איז ער געווארן א מענטש... איז וואס האלט אים דען צוריק פון אים הרג'ענען? וואלט איר זיך צוריקגעהאלטן פון הרג'ענען א פראש וואס זיצט אויף א באקס דיאמאנטן? איר וואלט נישט געטראכט קיין איין מינוט. און אויב אזוי, פארוואס זאל דער סייענטיסט אים נישט הרג'ענען?

און די מציאות איז אז זיי הרג'ענען טאקע. מען זעט היינט אז זיי הרג'ענען בעביס פאר געלט. מיליאנען א יאר. די סייענטיסטן טוען עס פאר געלט. עס איז געהעריג מארד, פשוט און גראד, און זיי טוען עס פאר געלט.

און דערפאר דארפן מיר האבן גיהנם, ווייל די צייט וועט קומען ווען סייענטיסטן וועלן הרג'ענען אלטע מענטשן. זייט נישט באזארגט, דער טאג וועט קומען. זיי האבן עס געטון אין דייטשלאנד. מיינט נישט אז זיי זענען נישט געווען קיין סייענטיסטן. זיי זענען געווען פונקט אזעלכע גוטע סייענטיסטן ווי די אמעריקאנער סייענטיסטן; אפשר נאך בעסער.

די דייטשע סייענטיסטן אונטער היטלער האבן גע'הרג'עט מענטשן, און זיי האבן עס געטון פאר'ן צוועק פון עקספערימענטן. אין א געוויסע בוך באשרייבט דער ארויסגעבער איבער א סייענטיסט וואס האט געדארפט האבן א געוויסע מאס פון פרישע קערפערס; פון וואו קען ער עס פארשאפן? האט ער געשיקט א מעסעדזש צום דערנעבענדיגן קאנצענטראציע לאגער אז ער דארף האבן אכציג קערפערס. און עס איז תיכף אפגעשיקט געווארן צו אים. זיי זענען שנעל פארוואנדלט געווארן אין טויטע קערפערס און זיי זענען אפגעשיקט געווארן צו דעם סייענטיסט צו קענען שרייבן פראפעסיאנאלע ארטיקלען וועגן זיינע עקספערימענטן.

דערפאר איז אוממעגליך צו האבן ציוויליזאציע אן די אמונה אין גיהנם. עס איז וויכטיג פאר אונז עס צו לערנען אויף פאר גוים. גוים דארפן האבן א רעליגיע. און עס גייט אונז נישט אן, אפילו זייער רעליגיע איז פול מיט טעותים, אבער כאטש האבן זיי דעם יסוד אז עס איז דא א גיהנם. און אלע רעליגיעס – איך רעד יעצט וועגן די טראדיציאנאלע רעליגיעס – האבן דעם געדאנק פון גיהנם. ווייל עס איז פונדאמענטאל.

ווייל יעדער איינער דארף וויסן אז עס איז אוממעגליך פאר מענטשן צו קענען אפטון סיי-וועלכע פארברעך אין זיין לעבן, און דערנאך זיך איסלאכן און שטארבן אן קיין ווייטאג.

און אודאי צווישן אידן איז גיהנם זיכער א וויכטיגע חלק פון די תורה. און ווי איך האב געזאגט פריער, אז די פאזע פון גיהנם וואס איז א הכנה פאר עולם הבא איז נישט אומפארמיידליך. אויב א איד גרייט זיך צו אויף דער וועלט, אויב ער לערנט מוסר, ער לערנט יראת שמים, אויב ער לערנט ספרים ווי דאס וואס מיר האבן געלערנט היינט נאכט, דער מענטש קען פארמיידן צו א גרויסע מאס פון דארפן דורכגיין דעם דורכגאנג-פלאץ און ער קען זיין א קאנדידאט פאר גן עדן אן קיין שום פארשפעטיגונג. (# 408)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
מהדורת שלמה
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com


באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שנת תשע"ח לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
שב"ק פ' שמיני תשע"ח לפ"ק
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העלי' לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב